דיר; און דאָס זאָג איך אין דער וועלט, כדי זיי
14 זאָלן האָבן מיין פרייד שלימותדיק אין זיך. איך
האָב זיי געגעבן דיין וואָרט; און די וועלט האָט
זיי פיינט, ווייל זיי זענען נישט פון דער וועלט,
15 פונקט ווי איך בין נישט פון דער וועלט. איך בעט
נישט, אַז דו זאָלסט זיי אַרויסנעמען אויס דער
וועלט, נאָר אַז דו זאָלסט זיי אָפּהיטן פון בייז.
16 זיי זענען נישט פון דער וועלט, פונקט ווי איך בין
17 נישט פון דער וועלט. הייליק זיי אין דעם אמת;
18 דיין וואָרט איז אמת. ווי דו האָסט מיך געשיקט אין
דער וועלט אַריין, אַזוי האָב איך זיי געשיקט אין
19 דער וועלט אַריין. און פאַר זייערטוועגן הייליק
איך מיך, כדי זיי זאָלן זיין געהייליקט אין דעם
20 אמת. און נישט נאָר פאַר די דאָזיקע אַליין בעט
איך, נאָר אויך פאַר יענע, וואָס וועלן גלויבן
21 אין מיר דורך זייער וואָרט, כדי אַלע זאָלן זיין
איינס; ווי דו, פאָטער, אין מיר, און איך אין
דיר, אַז אויך זיי זאָלן זיין אין אונז; כדי די וועלט
22 זאָל גלויבן, אַז דו האָסט מיך געשיקט. און
דעם כבוד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב
איך זיי געגעבן, כדי זיי זאָלן זיין איינס פונקט ווי
23 מיר זענען איינס. איך אין זיי, און דו אין מיר, כדי
זיי זאָלן ווערן שלימותדיק אין איינעם, כדי די
וועלט זאָל וויסן, אַז דו האָסט מיך געשיקט, און
האָסט זיי ליב געהאַט, פונקט אַזוי ווי דו האָסט מיך
24 ליב געהאַט. פאָטער, איך וויל, אַז וואו איך בין,
זאָלן אויך זיין מיט מיר די, וועלכע דו האָסט מיר
געגעבן, כדי זיי זאָלן זעען מיין כבוד, וואָס
דו האָסט מיר געגעבן; ווייל דו האָסט מיך ליב
געהאַט פון פאַר דער גרינדונג פון דער וועלט.
25 גערעכטער פאָטער, די וועלט האָט דיך נישט געקענט,